# מער אינפארמאציע איבער די נייע Key to NYC (שליסל צו NYC) פאליסי אויף COVID-19 וואקסינען פאדערונגען פאר אפעקטירטע ביזנעס אייגנטומער

אנהויבנדיג דער וואך פון אגוסט 16, זענען שטאב און קונדן (12 יאר אלט און העכער) אין אינעווייניגסטע פארוויילונגס ערטער, אינעווייניגסטע עסן ערטער און אינעווייניגסטע איבונגען ערטער, אויפגעפאדערט צו צייגן א באווייז פון כאטש איין דאזע פון א COVID-19-וואקסין. אלס א ביזנעס אין די קאטעגאריע זענט איר אויפגעפאדערט איבערצוקוקן די וואקסינאציע סטאטוס פון שטאב און קונדן און נאר ערלויבן וואקסינירטע (כאטש איין דאזע) מענטשן אריינקומען. פאר א פולע ליסטע פון געדעקטע ביזנעסער גייט צו nyc.gov/keytonyc. פארסירונג וועט זיך אנהויבן **סעפטעמבער 13, 2021**.

פאלגנד איז א הילפבארע ליסטע צו מאכן זיכער אז אייער ביזנעס איז גרייט פאר די נייע פאליסי:

- **לייגט דעם NYC DOHMH (ניו יארק סיטי דעפארטמענט אויף געזונטהייט און מענטאל הייגיניע) Key to NYC שילד** אין א קלארער אפענע ארט פון אייער ביזנעס וואו מענטשן קענען עס זען איידער זיי קומען אריין. דאס איז געפאדערט לויט דער נייע פאליסי. איר קענט דאונלאודן קאפיעס פון דעם שילד אויף nyc.gov/keytonyc.

- **באקענט זיך מיט די אנגענומענע וועגן וואס מענטשן קענען צייגן באווייז פון וואקסינאציע.** דאס קען אריינרעכענען דער NYC Covid Safe עפפ. ניו יארק סטעיט Excelsior פאס, CDC קארטל, אדער אנדערע לעגאלע דאקומענטן.

- **פארמאגט א געשריבענע פלאן פון וויאזוי איר וועט אריינלייגן דעם פלאן אין קראפט ביי די האנט אויפן פארלאנג פון אינספעקטערס.** אייערע פלענער זאלן אריינרעכענען וויאזוי איר וועט איבערקוקן די וואקסין סטאטוס סיי פון שטאב און קונדן איידער זיי קומען אריין, אדער גלייך ווען זיי קומען אריין צו אייער ביזנעס.

- **אידענטיפיצירט וועלכע קונדן-אויפנעמענדע שטאב דארפן ווערן טרעינירט צו איבערקוקן באווייז פון וואקסינאציע דאקומענטן.**

פאר מער אינפארמאציע איבער דעם פאליסי, ביטע באזוכט nyc.gov/keytonyc.

אויב איר זענט א קליינע ביזנעס מיט נאך פראגעס, קענט איר רופן NYC קליינע ביזנעס סערוויסעס אויף (888) SBS-4NYC (888-727-4692) פאר הילף מיט פארשטיין און אריינלייגן דעם פאליסי אין קראפט.